**גאווערנער קעטי האקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/4/2023

**גאווערנער האקול הייבט ארויס פלאן צו אגרעסיווערהייט אויסברייטערן ניו יארק'ס לעגאלע קאנאביס מארקעט און שטרענג אינפארסירן אומלעגאלע פארקויפונגען**

***אפליקאציעס צו לעגאלערהייט פלאנצן, פראצעסירן, דיסטריביוטען און פארקויפן קאנאביס זענען יעצט אפן***

***אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג קומט ארויס מיט נייע שותפות'ן מיט לאקאלע רעגירונגען און מיט אנדערע סטעיט אגענטורן צו באדייטנד העכערן קנסות, שטראפן און געלעגנהייטן צו פארשפארן געשעפטן***

***אגרעסיווע אינפארסירונג באמיאונגען האבן געכאפט מער פון 8,500 פונט פון אומלעגאלע פראדוקטן געשאצט צו זיין ווערט איבער 42 מיליאן דאלאר***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די גרעסטע אויסברייטערונג פון ניו יארק סטעיט'ס לעגאלע קאנאביס מארקעט ביז היינט, מיט הונדערטע לייסענסעס וועלכע וועלן געגעבן ווערן פאר מענטשן און ביזנעסער וועלכע זענען אינטערעסירט צו לעגאלערהייט פלאנצן, פראצעסירן, דיסטריביוטען און פארקויפן קאנאביס. אפליקאציעס ווערן אנגענומען פון היינט, אקטאבער 4, און וועלן ממשיך זיין צו אנגענומען ווערן פאר צוויי חודשים. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט די רעזולטאטן פון די אנגייענדע אגרעסיווע אינפארסירונג קעגן די אומלעגאלע פארקויפונג פון קאנאביס אריבער די סטעיט אונטערגענומען דורך די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג (Office of Cannabis Management, OCM) און דורך די דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ (Department of Taxation and Finance, DTF) וואס האט ביז היינט געפירט צו די קאנפיסקירונג פון מער פון 8,500 פונט פון אומלעגאלע פראדוקטן מיט א געשאצטע ווערט אויפן גאס פון מער פון 42 מיליאן דאלאר. זי האט אויך אנאנסירט נייע שותפות'ן מיט לאקאלע רעגירונגען וואס וועלן זיי ערמעגליכן צו ארויסבאקומען געריכטליכע באפעלן פון די סטעיט געריכטן צו פארשפארן געשעפטן פאר ביזנעסער וועלכע פארקויפן קאנאביס אומלעגאל, און אזוי אויך א נייע אינציאטיוו צווישן מערערע אגענטורן צו ציהלן אומלעגאלע געשעפטן אויפהאלטער פאר לעיבאר פארלעצונגען, דערמיט פארגרעסערנדיג די קנסות און שטראפן וואס ביזנעסער קענען באקומען. ניו יארק'ס לעגאלע קאנאביס מארקעט איז יעצט אין פאזיציע צו ווערן איינס פון די גרעסטע אין די וועלט — א מארקעט וואס וועט ביים ענדע אויפטרייבן הונדערטע מיליאנען אין יערליכע פארדינסטן, און אזוי אויך שאפן אדער היטן אויף טויזנטע דזשאבס אריבער די סטעיט, דאס אלעס בשעת'ן לייגן יושר אלס פריאריטעט, שטופן פאר וואוקס פון קליינע ביזנעסער, פארזיכערן די קוואליטעט פון פראדוקטן און היטן אויף די זיכערהייט פון באניצער.

"מיר ווייסן אז עס איז נאך דא וואו זיך צו פארבעסערן אזוי ווי ניו יארק ארבעט צו עפענען א גענצליך נייע קאנאביס אינדוסטריע און שטרענג באהאנדלען אומלעגאלע פארקויפער, און איך בין איבערגעגעבן צו ארבעטן מיט אלע פארמישטע קערפערשאפטן צו טוהן די ארבעט אויפן ריכטיגן אופן", **האט גאווערנער**

**האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע איז שטארק קאנצענטרירט אויף צו פארהאקן אומלעגאלע געשעפטן, באשיצן די געזונטהייט און זיכערהייט פון קינדער און העלפן קליינע ביזנעסער בליהען. מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן צו אויפבויען די מערסטע גלייכע ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס אינדוסטריע אינעם לאנד וואס אינוועסטירט אין קאמיוניטיס און פארריכט די אומרעכטן פון די פארגאנגענהייט."

**קריס אלעקסאנדער, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די ניו יארק סטעיט אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג, האט געזאגט,** "דאס איז א גרויסע מאמענט פאר ביזנעסלייט וועלכע האבן געווארט פאר א געלעגנהייט זיך צו אנשליסן אין די מהפכה'דיגע מארקעט. מיר בויען אויף די גרעסטע און מערסטע יושר'דיגע קאנאביס מארקעט אין די וועלט, און די עפענונג פון א נייע פענסטער פאר אפליקאציעס מיינט אן אויסברייטערונג פון געלעגנהייט. ניו יארק'ס מארקעט איז צענטרירט ארום גערעכטיגקייט, מיט די לאנד'ס שטערקסטע באשיצונגען קעגן מאנאפאלן כדי צו זיכער מאכן אז קלענערע געשעפטן וועלן אלעמאל האבן א פלאץ אין אונזער קאנאביס אינדוסטריע. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער קעטי האקול'ס שטייפע איבערגעגעבנקייט צו אנטי-מאנאפאל רעגולאציעס אין קאנאביס, און איך קען נישט ווארטן צו זעהן וואס די נייע גרופע ביזנעסלייט קענען טוהן צו טראנספארמירן קאנאביס אינערהאלב און אינדרויס פון ניו יארק."

**טרעמעין רייט, פארזיצערין פון די ניו יארק סטעיט קאנאביס קאנטראל באורד (Cannabis Control Board, CCB), האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט בלייבט פעלזן-פעסט מיט אירע באמיאונגען צו אויפבויען א גערעכטע, קאנקורענץ-אנגעפילטע און פארשידנארטיגע קאנאביס אינדוסטריע. היינט, דער טאג וואס אפליקאציעס הויבן אן אנגענומען ווערן פון די אלגעמיינע פובליק, צייכנט אפ א גרויסע טריט אויף פאראויס ביים מאכן אונזער חזון פון א גערעכטע און צוגענגליכע ניו יארקע קאנאביס מארקעט פאר א מציאות. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, האט ניו יארק אריינגעברענגט שטארקע כללים און באשיצונגען צו זיכער מאכן אז אלע לייסענסירטע קאנאביס ביזנעסער האבן אן אמת'ע טשאנס צו קאנקורירן. איך בין באגייסטערט צו פארזעצן צו ארבעטן מיט די גאווערנער און די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג צו מאכן די סעקטאר וואקסן אויף אן אחריות'דיגן אופן, דורכגעטראכטערהייט און אין וועגן וואס אנערקענען און פאררעכטן די שאדנס וואס זענען פאראורזאכט געווארן דורך א יאר הונדערט פון קאנאביס פארבאט."

**גרעסטע אויסברייטערונג פון לעגאלע מארקעט ביז היינט**

לייענט די אפליקאציע אנווייזונגען און אפט-געפרעגטע פראגן [דא].

אנגעהויבן היינט, אקטאבער 4, 2023, און אנגייענדיג ביז דעצעמבער 4, 2023, וועלן אלע בארעכטיגטע אפליקאנטן קענען אפלייען פאר לייסענסעס צו מעגן פלאנצן, פראצעסירן, דיסטריביוטען, פארקויפן אדער אויפהאלטן א 'מייקראָו-ביזנעס'. דאס וועט זיין א באדייטנדע אויסברייטערונג פון די עקזיסטירנדע מארקעט וואס ווערט יעצט אויסגעברייטערט אויף א שטאפלווייזן פארנעם כדי צו זיכער מאכן אז ניו יארק'ס קאנאביס מארקעט וואקסט אין א סטאבילע וועג, פארמיידנדיג די ראדיקאלע טוישונגען אין פרייזן און מארקעט צוזאמפאלונגען וואס זענען געזעהן געווארן אין אנדערע סטעיטס, פירנדיג צו די דורכפאל פון קליינע ביזנעסער און באדייטנד איינגעצויגענע ווערט פון די מארקעט.

די OCM און CCB וועלן אננעמען אפליקאציעס צו איבערגעקוקט ווערן, און זיי וועלן אנהויבן שענקען לייסענסעס פאר פלאנצערס, פרצעסירער, דיסטריביוטערס, 'מייקראָו-ביזנעסער' און ריטעיל פארקויפער אין אנהויב 2024. דורכאויס די אפליקאציע תקופה, וועלן פלאנצער און פראצעסירער וואס זענען שוין יעצט אפן אויף א תנאי אויך קענען אפלייען צו אריבערגיין צו באקומען פולשטענדיגע אומבאדינגטע לייסענסעס. ביזנעסלייט וועלכע ווילן אפלייען פאר לייסענסעס וועלן קענען אריינגעבן זייערע אפליקאציעס דורך די ניו יארק ביזנעס עקספרעס (New York Business Express, NYBE) פלאטפארמע [דא].

די רעגולאציעס פאר אלע קאטעגאריעס פון לייסענסעס זענען באשטעטיגט געווארן דורך די CCB אום סעפטעמבער 12. די רעגולאציעס שטעלן אוועק א סיסטעם פאר א גערעכטע און שטאנדהאפטיגע קאנאביס אינדוסטריע, מיט שטארקע יסודות אין רעקאמענדירטע סטאנדארטן פאר די פובליק געזונטהייט, אריינרעכנענדיג צו האלטן קאנאביס אינדוסטריע ארויס פון די הענט פון יוגענטליכע, אוועקשטעלן פראדוקט קוואליטעט און זיכערהייט אנווייזונגען, אויסלייגן סטאנדארטן פאר ארבייטער טרענירונג און אפמאכן ביזנעס זיכערהייט פארלאנגען צו באשיצן די פובליק זיכערהייט. די רעגולאציעס גיבן אויך א רייץ פאר ענווייראמענט-פריינטליכע קאנאביס אפעראציעס דורכן גיבן פריאריטעט פאר די וועלכע וועלן זיין שפארזאם מיט ענערגיע און נאטורליכע קוועלער און באשיצן קעגן פארשווענדערישע ביזנעס געוואוינהייטן. א קריטישע עלעמענט פון די רעגולאציעס איז אז עס היט אויף די גערעכטיגקייט ציהלן וואס זענען אריינגעלייגט געווארן אין ניו יארק'ס קאנאביס געזעץ און אין דעם 'מאריכואנא רעגולאציע און שטייערן געזעץ' (Marihuana Regulation & Taxation Act, MRTA) די ענדגילטיגע רעגולאציעס זענען א רעזולטאט פון באדייטנדע איינשטייערונגען פון צוריקגעהערטע געדאנקען פון די פובליק, מיט די OCM און די CCB באקומענדיג מער פון 4,000 קאמענטארן צווישן דעצעמבער 2022 און יולי 2023.

די CCB ערווארט צו ארויסגעבן א באדייטנדע צאל ריטעיל לייסענסעס, אננעמנדיג א צוגאנג וואס ארבעט מיט א ציהל צו זיכער מאכן ביים סוף אז ניו יארקער האבן צוטריט צו די מערסטע לאקאציעס וואס איז נאר מעגליך צו לעגאלערהייט קויפן קאנאביס, און דאס אין די קורצסטע צייט וואס איז נאר מעגליך. צוליב דעם וואס די ריטעיל וועלט האלט זיך אין איין טוישן און אזוי אויך צוליב דעם וואס די פראצעדור פון עפענען א געשעפט נעמט אסאך מיטלען און צייט, איז דאס ווארשיינליך אז די צאל פון ריטעיל לייסענסעס וואס וועלן צום ערשט ארויסגעגעבן ווערן וועט זיין מער פון די צאל געשעפטן וואס זענען ערווארטעט זיך צו עפענען אין די ערשטע שטאפל. די צוגאנג איז דעזיינט צו היטן קעגן מארקעט אויפשאקלונגען, העלפן קליינע ביזנעסער אריינגיין אין די מארקעט און פארברייטערן צוטריט פאר באניצער.

**אגרעסיווע אינפארסירונג קאמפיין קעגן אומלעגאלע סוחרים: רעזולטאטן ביז היינט און נייע שותפות'ן פאר ווייטער**

גאווערנער האקול האט היינט אנאנסירט די רעזולטאטן פון די פארגאנגענע פיר חודשים פון אגרעסיווע אינפארסירונג שריט קעגן אומלייסענסירטע קאנאביס ביזנעסער וואס זענען אונטערגענומען געווארן דורך די OCM און DTF —ביידע פון וועלכע זענען געגעבן געווארן נייע אויטאריטעטן בלויז אין חודש מאי פון היי יאר אונטער א נייער געזעץ וואס די גאווערנער האט געשטופט. דורכן אונטערנעמען אנטשיידענע שריט קעגן אומלייסענסירטע קאנאביס ביזנעסער, מאכט ניו יארק סטעיט גרויסע פארשריט אין די ריכטונג פון אויסראטן אומגעזעצליכע קאנאביס אפעראציעס וועלכע שטעלן אין סכנה די פובליק זיכערהייט, די וואוילזיין פון באניצער און די שטאנדהאפטיגקייט פון ניו יארק סטעיט'ס לעגאלע קאנאביס מארקעט.

זינט יוני 7 האבן די OCM און DTF דורכגעפירט 246 אינספעקציעס אריבער די סטעיט, און זיי האבן קאנפיסקירט איבער 8,500 פונט פון אומלעגאלע קאנאביס פראדוקטן אין די געשאצטע ווערט פון איבער 42 מיליאן דאלאר אויפן גאס. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט היינט די רעזולטאטן פון קאנצענטרירטע אינפארסירונג שריט אויף די וועסט סייד פון מאנהעטן און אין די שטאט-צענטער פון ברוקלין, צוויי געגנטער פון ניו יארק סיטי מיט פארשפרייטע אומלעגאלע קאנאביס געשעפטן. די שריט וועלכע זענען געמאכט געווארן בלויז אין די לעצטע צוויי טעג האבן רעזולטירט אין די קאנפיסקירונג פון כמעט 150 פונט פון פראדוקטן אין די ווערט פון נאענט צו $600,000.

ביזנעסער וועלכע זענען געפונען געווארן צו פארקויפן קאנאביס אומלעגאל זענען געגעבן געווארן פארלעצונג טיקעטס, און אזוי אויך זענען באפעלן צו אויפהערן מיט די אומלייסענסירטע אקטיוויטעטן ארויפגעקלעבט געווארן אויף די דרויסן פון זייערע טירן. די ביזנעסער מוזן יעצט ערשיינען ביי אן

אדמיניסטראַטיווע געהער וואו די ענדגילטיגע קנסות און שטראפן וואס זיי וועלן באקומען וועלן באשטימט ווערן. קנסות פארן אומלעגאַל פארקויפן קאנאביס הויבן זיך אן ביי $10,000 פער טאג און קענען ארויפגיין ביז $20,000 פער טאג פאר די הארבסטע פארלעצונגען. נאך א קנס פון $5,000 קען געגעבן ווערן פארן אראפנעמען די צעטל פון די באפעל, און די אינספעקטירטע ביזנעסער קענען אויך באקומען נאך פארלעצונגען און שטראפן אונטער דעם שטייער געזעץ. נאך קנסות קענען ארויפגעלייגט ווערן. דער אינפארסירונג געזעץ וואס איז אריבערגעפירט געווארן אין מאי האט אויך געגעבן די אויטאריטעט פאר די OCM צו פארלאנגען א סטעיט געריכט צו ארויסגעבן א געריכטליכע באפעל צו פושלטענדיג פארשליסן ביזנעסער וועלכע זענען געפונען געווארן צו איבערחזר'ן פארלעצונגען פון דעם געזעץ. אין צוגאב מאכט דאס דער געזעץ א קרימינאלע פארברעך צו פארקויפן קאנאביס און קאנאביס פראדוקטן אן א לייסענס.

כדי צו צוזאמברענגען פילע שטאפלען פון די רעגירונג צו באקעמפן די אומלעגאלע פארקויפונג פון קאנאביס, האט גאווערנער האקול היינט אנאנסירט נייע שותפות'ן צווישן די OCM און די אטוירני דזשענעראל'ס אפיס דורך וועלכע לאקאלע רעגירונגען אריבער די סטעיט קענען באקומען טרענירונג איבער וויאזוי זיך צו באנוצן מיט א ספעציפישע סעיף – טייל 16-A – פון דעם נייעם אינפארסירונג געזעץ וואס איז אונטערגעשריבן געווארן דורך גאווערנער האקול אין מאי צו ארויסבאקומען געריכטליכע באפעלן צו פארשליסן געשעפטן פון די סטעיט געריכט. 16-A אויטאריזירט לאקאלע רעגירונגען, אריינרעכענענדיג קאונטי אטוירניס, צו פארלאנגען פארשליסונג באפעלן באזירט אויף אינספעקציעס דורכגעפירט דורך די OCM און DTF, אן דעם וואס די OCM זאל דארפן בעטן די געריכט פאר אזא באפעל, קעגן א ביזנעס וואס איז געפונען געווארן מיט הארבע פארלעצונגען. די אויטאריטעט פארגרעסערט גאר אסאך די מעגליכקייטן פאר פארשידענע שטאפלען פון רעגירונג צו ארבעטן צוזאמען צו פארשליסן אומלעגאלע קאנאביס סוחרים.

גאווערנער האקול האט אויך ארויסגעהויבן די לעצטיגע הצלחה פון די סיטי אָוו סירעקיוּס ביים אויסנוצן די OCM און DTF אינספעקציעס וואס זענען דורכגעפירט געווארן קעגן אומלעגאלע סוחרים צו טענה'ן אז זיי האבן פארלעצט די סטעיט'ס פראפערטי אויפהאלטונג געזעצן וואס ערלויבן די סיטי צו פארשפארן געביידעס וואס די סיטי רעגירונג באשטימט צו זיין נישט פאסיג אדער אומגעזעצליך אונטער די געזעצן — נאך א ביישפיל וויאזוי לאקאלע רעגירונגען קענען שפילן אן אקטיווע ראלע ביים באקעמפן די אומלעגאלע מארקעט.

אין צוגאב צו די נייע שותפות'ן מיט לאקאלע רעגירונגען, האט די גאווערנער אנאנסירט אז נאך עטליכע סטעיט אגענטורן וועלן יעצט אנהויבן זיך באנוצן מיט די מאכט וואס זיי האבן צו אינפארסירן ביזנעסער אלס טייל פון די סטעיט'ס שעפערישע און אגרעסיווע צוגאנג צו באקעמפן די אומלעגאלע מארקעט. די לעיבאר דעפארטמענט און די ארבייטער פארגוטיגונג באורד (Workers Compensation Board, WCB) וועלן זיך אנשליסן מיט די באמיאונגען צו זיכער מאכן אז ביזנעסער וועלכע זענען פארדעכטיגט מיטן פארקויפן קאנאביס אן א לייסענס פאלגן אויס ניו יארק סטעיט'ס לעיבאר און ארבייטער'ס פארגוטיגונג געזעצן:

ארבייטער פארגוטיגונג באורד: אויב א ביזנעס ווערט געפונען צו באשעפטיגן ארבייטער אן האבן ארבייטער'ס פארגוטיגונג אינשורענס, קען די WCB ארויסגעבן א באפעל צו אפשטעלן די ארבעט. שטראפן ווערן ארויסגעגעבן פאר ביז $2000.00 פאר יעדע תקופה פון 10 טעג פארן נישט אויספאלגן, געוואנדן אויף די צאל ארבייטער.

לעיבאר דעפארטמענט: די פעריאָולס וועלן אינספעקטירט ווערן צו זיכער מאכן אז ארבעטסגעבער באצאלן זייערע ארבייטער די סטעיט'ס מינימום געהאלט מיט בארעכטיגטע אָווערטיים אריינגערעכנט, אז ארבייטער ווערן ערלויבט צו נעמען קראנקהייט אורלויב און אז זיי פאלגן אויס די ניו יארקע געזונטהייט און וועזנטליכע רעכטן געזעץ (New York Health and Essential Rights Act, NY HERO Act) און

באצאלונג ווען ארבייטער זענען קראנק מיט קאוויד. קנסות פארן נישט באצאלן געהאלטן אדער באצאלן שפעט, נישט ערלויבן קראנקהייט אורלויב, אומלעגאלע אראפרעכענונגען פון געהאלטן, שעות און פעיראָול רעקארדס, מעלדונגען פאר ארבייטער, פעי סטאָבס און צוגעטיילטע טיפס זענען ביז $1,000 פאר די 1'טע פארלעצונג, ביז $2,000 פאר די 2'טע פארלעצונג, ביז $3,000 פאר די 3'טע און ווייטערע פארלעצונגען. ענליכע קנסות פאר אנדערע פארלעצונגען וועלן אויך קענען ארויפגעלייגט ווערן, אריינרעכענענדיג דאס נישט אויפהענגען א צעטל מיט די סומע פון די מינימום געהאלט, נישט קאאפערירן מיט אן אויספארשונג און נישט ערלויבן ארבעטער אינטערוויוס, און אזוי אויך דאס נישט באצאלן די גאנצע געהאלט קען פירן צו קנסות פאר ביז 200 פראצענט פון די געהאלטן וואס די ארבעטסגעבער איז שולדיג אין צוגאב צו די סומע פון די געהאלט וואס זיי זענען שולדיג.

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמישאנער, ראבערטאָו ריערדאן, האט געזאגט,** "אויב א ביזנעס פארקויפט א פראדוקט אן די נויטיגע לייסענס, איז דא א זארג אז זיי וועלן אויך מעגליך פארלעצן נאך סטעיט געזעצן וואס באשיצן ארבייטער, אריינרעכענענדיג די מינימום געהאלט, אָווערטיים און קראנקהייט אורלויב, צווישן אנדערע. אלע ארבעטסגעבער – לייסענסירט אדער נישט – דארפן גיבן די זעלבע ארבייטער באשיצונגען וואס זענען פארלאנגט אונטער די געזעץ. מיר זענען שטאלץ זיך צו אנשליסן מיט אונזערע סטעיט און לאקאלע שותפים אין די אונטערנעמונג צו זיכער מאכן אז די רעכטן פון ארבייטער ווערן נישט פארלעצט."

**ניו יארק סטעיט ארבייטער פארגוטיגונג באורד פארזיצער, קלאריסע מ. ראדריגעז, האט געזאגט,** "מיר לויבן אויס גאווערנער האקול פארן באשיצן ניו יארקער און פארזיכערן די זיכערהייט ווען עס קומט צו די נייע מארקעט דורכן איינשפאנען א שטארקע נעטווארק פון ניו יארק סטעיט אגענטורן. איינס פון די באורד'ס וויכטיגסטע אויפגאבן איז צו זיכער מאכן אז ארבעטסגעבער פאלגן אויס דעם ארבייטער'ס פארגוטיגונג געזעץ. מיר זענען שטאלץ צו אריינגיין אין א שותפות מיט אנדערע ניו יארק סטעיט אגענטורן ביים נעמען די קריטישע שריט צו זעהן אז ביזנעסער זאלן זיין פאלגזאם. דורכן אויסנוצן אונזער אויטאריטעט צו שטיצן די אינפארסירונג אונטערנעמונג, העלפן מיר גאראנטירן אז שווער-ארבעטענדע ניו יארקער האבן צוטריט צו די באשיצונגען צו וועלכע זיי זענען בארעכטיגט אונטער דעם געזעץ."

די צוגאנג וואס מישט אויס די אינפארסירונג כוחות פון דעם לעיבאר געזעץ, שטייער געזעץ און קאנאביס געזעץ, קען רעזולטירן אז ביזנעס אייגנטימער וואס פאלגן נישט אויס דעם געזעץ זאלן פאטענציאל אויסשטיין צענדליגע טויזנטער אין שטראפן אלס רעזולטאט פון איין איינציגע אינספעקציע — באדייטנד פארשטערקערנדיג די סטעיט'ס מעגליכקייט צו שטרענג באהאנדלען די וועלכע לאזן זיך אריין אין אומלעגאלע פארקויפונגען, און עס ווידערהאלט די גאווערנער'ס טיפע איבערגעגעבנקייט צו זיכער מאכן אז דער געזעץ ווערט אויסגעפאלגט און אז ניו יארקער ווערן באשיצט פון פאטענציאלע אומזיכערע פראדוקטן.

**בויען די לאנד'ס מערסטע גערעכטע קאנאביס מארקעט: געזעלשאפטליכע און עקאנאמישע גערעכטיגקייט**

דער קאנאביס געזעץ שטעלט אוועק א פעסטער געזעלשאפטליכע און עקאנאמישע גערעכטיגקייט (social and economic equity, SEE) פראגראם צו גיבן פריאריטעט און צושטעלן הילפס-מיטלען פאר מיטגלידער פון די קאמיוניטיס וועלכע האבן געליטן מער פון אנדערע פון קאנאביס פארבאט פאליסיס, מיט די ציהל פון אונטערהייבן זייער באטייליגונג אין די נייע אינדוסטריע דורך די איינפירונג פון די אפיס'ס [SEE פלאן](). אונטער די פארלאנגען פון MRTA, איז דאס די ציהל פון די OCM און CCB צו ארויסגעבן 50 פראצענט פון די לייסענסעס פאר קוואליפיצירנדע SEE אפליקאנטן – דאס הייסט אט די מענטשן פון קאמיוניטיס וועלכע האבן געליטן מער פון אנדערע (communities disproportionately impacted, CDI) דורך די פארגאנגענע אינפארסירונג פון די קאנאביס פארבאט – פאר ביזנעסער אין די אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען, פארמער וועלכע זענען אין א געדרוקטע צושטאנד און וועטעראנען וועלכע

זענען געווארן אינוואלידן אין זייער דינסט — וועלכע וועלן אויך זיין בארעכטיגט פאר שטיצע מיט די אפליקאציע און טעכנישע טרענירונג דורך דעם 'קאנאביס צענטער און אינקיובעיטאר פראגראם' (Cannabis Hub & Incubator Program, CHIP) וואס וועט זיך אנהויבן דעם הערבסט.

נאכפאגלנדיג איבער א יאר פון גרונטליכע אינפארמאציע אנאליזן, האט די גאווערנער היינט אנאנסירט אז די OCM איז אנגעקומען צו אן עמטליכע וועג צו באשטימען אויב א געגנט זאל פארערעכנט ווערן CDI. די טערמין CDI באציהט זיך צו – אבער נישט נאר – א געוויסע געאגראפישע פלאץ וואס האט א היסטאריע פון ארעסטן, באשולדיגונגען און אנדערע געזעץ אינפארסירונג אקטן וואו אינפארסירונג פון די קאנאביס פארבאט איז דורכגעפירט געווארן אויף אן אומגלייכן אופן אין פארגלייך צו די רעשט פון די סטעיט דורכאויס א געוויסע תקופה.

כדי צו אנדייטן וואו די CDI'ס זענען, האט די OCM אנאליזירט באפעלקערונגען, די צאלן ארעסטן און די צענזוס ראיאנען איבער א תקופה. די OCM האט זיך פארלאזט אויף ארעסט ציפערן פון די דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services) און פון צענזוס סורוועיס וואס ווערן דורכגעפירט יעדע צען יאר (1980, 1990, 2000, 2010 און 2020) כדי צו באשטימען די ארעסט ראטעס פאר א געוויסע צענזוס ראיאן. צענזוס ראיאנען מיט ארעסט ראטעס וואס זענען געווען העכער פון די סטעיט'ס אלגעמיינע ארעסט ראטע אין לויף פון א געוויסע תקופה זענען אנגעצייכנט געווארן אלס CDI'ס.

די CDI צענזוס ראיאנען האבן אין זיך אומגעפער א פערטל פון די NYS באפעלקערונג און זיי האבן געזעהן דריי פערטלעך פון די ארעסטן איבער די פארגאנגענע פערציג יאר. CDI מאפעס און אזוי אויך נאך דעטאלירטע אינפארמאציע איבער דעם אפליקאציע פראצעדור [קענען געפונען ווערן דא](#).

**טעבעטע ראבינסאן, דירעקטארין פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג, פאליסי און פארשונג ביי ניו יארק'ס אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג, האט געזאגט,** "אלס א געבוירענע ניו יארקע איינוואוינערין וואס איז אויפגעוואקסן אין איסט ברוקלין אין די הויכפונקט פון די 'סטאפ ענד פריסק' עפאכע, וואלט איך נישט געקענט זיין שטאלצער מיט אונזער ארבעט צו אנאליזירן צענדליגע יארן פון ארעסט און אינפארסירונג ציפערן צו באשטימען וועלכע ביזנעסלייט וועלן זיין קוואליפיצירט אלס מיטגלידער פון קאמיוניטיס וואס האבן געליטן מער פון אנדערע פון די אינפארסירונג פון די קאנאביס פארבאט. איך האב צוגעזעהן ערשטהאנטיג וויאזוי די אינפארסירונג פון די פארבאט האט חרוב געמאכט לעבנס און באגנב'ט ניו יארקער פון ערליך-פארדינטע געלעגנהייטן. יעצט הויבט זיך די ארבעט אן צו זיכער מאכן אז די קאמיוניטיס שניידן אפ די פירות פון אונזער לעגאליזירטע קאנאביס מארקעט דורך צוטריט צו לייסענסירונג און דורך די קאמיוניטי צוריק-אינוועסטירונג קאסע."

**סטעיט סענאטארשע ליז קרוגער האט געזאגט,** "אוועקשטעלן א פונקציאנירנדע און זעלבסטשטענדיגע לעגאלע קאנאביס מארקעט אין ניו יארק סטעיט איז א קריטישע אונטערנעמונג וואס מוז געהאלטן ווערן אויף די רעלסן אויב מיר ווילן אפפערן די געלעגנהייטן פאר מענטשן און קאמיוניטיס וועלכע זענען טיף געשעדיגט געווארן דורך דעם 'קריג אויף דראגס' — נישט צו דערמאנען קליינע ביזנעסער און פארמער וועם מיר האבן אינזין געהאט אין די לעגיסלאטור ווען מיר האבן אריבערגעפירט MRTA. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן אונטערנעמען די העפטיגע שריט צו פארברייטערן לייסענסירונג בשעת'ן שטרענג באהאנדלען אומלייסענסירטע סוחרים וואס שטעלן אין געפאר די הצלחה פון די מארקעט און אזוי אויך אריענטירן די OCM צו בעסער פארפילן איר ראלע."

**סטעיט סענאטאר דזשערמי קוני האט געזאגט,** "עפענענדיג דעם לייסענסירונג פראצעדור צו אלע ניו יארקער העלפט אונז באקעמפן די אומלעגאלע מארקעט, בשעת'ן בויען און אינוועסטירן אין קאמיוניטיס וואס זענען די מערסטע נעגאטיוו באטראפן געווארן דורך דעם דורכגעפאלענעם 'קריג אויף דראגס'. איך

באדאנק גאווערנער האקול פאר אירע שריט צו באקעמפן אומלעגאלע פארקויפונגען און איר ארבעט צו פארגרעסערן אונזער מארקעט פון קאנאביס פאר פערזענליכע הנאה שנעלערהייט. איך קוק ארויס צו לערנען מער איבער דאס פארגרעסערן ריטעיל פארקויפונגען דורכאויס אונזער בעפארשטייענדע לעגיסלאטיווע פארהער ביים ענדע פון דעם חודש."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירערין קריסטאל פיפלס-סטאָוקס האט געזאגט,** "גאווערנער האקול און די OCM נעמען אונטער די נויטיגע שריט צו פאראויס שטופן און פארווירקליכן די פולע כוונה פון MRTA. אונזער קאנאביס פראגראם איז דעזיינט געווארן צו זיין די מערסט גערעכטע אינעם לאנד. ערלויבן אלע ניו יארקער צו אפליייען פאר פארשידענע קאנאביס-פארבינדענע לייסענסעס איז גאר וויכטיג צו קענען נאכקומען MRTA'ס געזעלשאפטליכע גערעכטיגקייט ציהלן און צו אוועקשטעלן א זיכערע און בליהענדע קאנאביס מארקעט. ווען מיר האבן לעגאליזירט און רעגולירט קאנאביס אין ניו יארק, זענען די יסודות'דיגע פרינציפן געווען צו גיבן א געלעגנהייט פאר מענטשן וואס וואלטן אנדערש נישט באקומען די געלעגנהייט און אנהויבן פאררעכטן קאמיוניטיס וואס זענען געשעדיגט געווארן דורך דעם דורכגעפאלענעם 'קריג אויף דראגס'. מיט די היינטיגע אנאנס וועלן הונדערטע קאנאביס לייסענסעס געשאנקען ווערן פאר אפליקאנטן מיט פריאריטעט פאר געזעלשאפטליכע גערעכטיגקייט, און קאמיוניטיס וועלכע זענען געשעדיגט געווארן פון די קאנאביס פארבאט וועלן בקרוב האבן די מיטלען וואס זיי דארפן אזוי פארצווייפלט. איך וויל אויך אויסלויבן גאווערנער האקול און די OCM פארן פארזעצן צו פארשטערקערן די אינפארסירונג קעגן אומלעגאלע קאנאביס אפעראציעס; די אומלעגאלע אפעראציעס ברענגען נישט אריין קיינע סעילס טעקס איינקונפטן פאר ניו יארק סטעיט, א קריטישע עלעמענט פון אונזער מעגליכקייט צו קענען צוריק אינוועסטירן אין אונזערע קאמיוניטיס."

**בויען די לאנד'ס מערסטע גערעכטע קאנאביס מארקעט: באשיצן זעלבסטשטענדיגע פארקויפער און קליינע ביזנעסער**

ניו יארק'ס קאנאביס מארקעט האט פון די שטערקסטע שוץ מאסנאמען פאר א שטאנדהאפטיגע און קאנקורענץ-אנגעפילטע מארקעט אין דאס לאנד. די צוגאנג איז אויסגעשטעלט צו פארמיידן די מארקעט פון ווערן א מאנאפאל פאר גרויסע ביזנעס קארפארעישענס און צו זיכער מאכן אז קליינע ביזנעסער האבן אן עכטע געלעגנהייט צו קאנקורירן און בליהען אין ניו יארק'ס קאנאביס מארקעט. MRTA האט אוועקגשטעלט א צוויי-פאכיגע סיסטעם וואס פארמיידט איינער וואס האט א לייסענס אויף די סופליי זייט פון די מארקעט פון האבן מער פון א מינימאלע פינאנציעלע אינטערעס אין ביזנעסער אויף די ריטעיל זייט פון די מארקעט.

כדי צו פארזיכערן אפנקייט, אחריות'דיגקייט און אז רעגולאציעס ווערן אויסגעפאלגט, וועט די OCM איינפירן א פעסטע סיסטעם צו נאכפאלגן די אייגנטומערשאפט און פינאנציעלע אינטערעסן פון קאנאביס לייסענס אפליקאנטן און אייגנטימער. דאס רעכנט אריין דאס פארלאנגען אפליקאנטן צו אויסרעכענען די פארטייען וואס האבן אן "אמת'ע אינטערעס" (True Parties of Interest, TPI) וואס וועט ערמעגליכן די OCM צו אפשאצן ווי ווייט א מענטש אדער ביזנעס וואס ארבעטן אויף איין זייט פון די מארקעט איז אינוועסטירט אריבער אין די אנדערע זייט. די קריטישע אינפארמאציע וועט דינען אלס א קריטישע עלעמענט ביים היטן אויף די ארנטליכקייט פון ניו יארק'ס צוויי-פאכיגע מארקעט און די מעגליכקייט פון קליינע ביזנעסער צו קאנקורירן אויף די סופליי און ריטעיל זייטן פון די מארקעט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418